צו זיינע תּלמידים: דער שניט איז גרויס, נאָר די
38 אַרבעטער — ווייניק. בעט זשע דעם האַר פֿון
דעם שניט, אַז ער זאָל אַרויסשיקן אַרבעטער צו
זיין שניט!

## קאַפּיטל צען

1 און ער האָט גערופֿן צו זיך זיינע צוועלף תּלמידים,
און האָט זיי געגעבן מאַכט איבער אומריינע
גייסטער, זיי אַרויסצוטרייבן, און צו היילן יעדע
קראַנקייט און יעדע שלאַפֿקייט.
2 און אָט די דאָזיקע זענען די נעמען פֿון די צוועלף
שליחים: דער ערשטער שמעון, וואָס מען האָט אים
גערופֿן פּעטרוס, און זיין ברודער אַנדריי; יעקב
3 בן זבדי, און זיין ברודער יוחנן; פֿיליפּוס און
בר־תּלמי; תּומא און מתּתיהו דער שטייערויפֿ־
4 מאַנער; יעקב בן חלפֿי און תּדי; שמעון הקנאי און
יהודה איש קריות, וואָס האָט אים אויך פֿאַרראַטן.
5 די דאָזיקע צוועלף האָט ישוע געשיקט, און האָט
זיי באַפֿוילן, אַזוי צו זאָגן:
אויף קיין וועג פֿון די גוים זאָלט איר נישט גיין,
און אין קיין שטאָט פֿון די שומרונים זאָלט איר
6 נישט אַריינגיין; נאָר גייט ליבער צו די פֿאַרלוירענע
7 שעפּעלעך פֿון דעם הויז ישׂראל. גייט, רופֿט אויס
8 און זאָגט: דאָס מלכות השמים איז נאָענט! היילט
די קראַנקע, וועקט אויף די טויטע, רייניקט די
קרעציקע, טרייבט אַרויס די בייזע גייסטער!
אומזיסט האָט איר באַקומען, אומזיסט זאָלט איר
9 געבן! נעמט נישט קיין גאָלד, נישט קיין זילבער,
10 נישט קיין קופּער אין אייערע גאַרטלען; נישט קיין
זאַק אויפֿן וועג, נישט קיין צוויי העמדער, נישט
קיין שיך, נישט קיין שטאָק; וואָרום דער אַרבעטער